בס"ד



# דעם רבינ'ס ליכט

אַײערע קִינְדֶער זָאלְט אִיר מוֹדִיעַ זַיין
וָואס דָא הָאט זִיךְ גִיטָאן (שיהר"ן ר"ט)

ראה תשפ"ה
גליון 251

## דער ריינער קוואל

דעם שַׁבָּת בֶּענְטְשׁ מֶען שׁוֹין דֶעם חֹדֶשׁ אֱלוּל. בָּרוּךְ שֶׁהֶחֱיָינוּ לַזְּמַן הַזֶּה. אַלֶע ווייסְן דִי רָאשֵׁי תֵּבוֹת פוּנֶעם חֹדֶשׁ: 'אֲנִי לְדוֹדִי וְדוֹדִי לִי', אִיךְ וֶועל זִיךְ צוּם בַּאשֶׁעפֶער אוּן דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער וֶועט זִיךְ צוּ מִיר! אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט אִין תּוֹרָה ו' אַז אַ אִיד דַארְף זִיךְ אַלֶעמָאל שְׁטַארְקְן אִין אַלֶע מַצָּבִים. דֶער רֶבִּי רוּפְט עֶס אָן 'בְּקִיאוּת' - זִיךְ אוֹיסְקֶענֶען אוּן זַיין בָּקִי אִין 'רָצוֹא' - דָאס מֵיינְט וֶוען אַלֶעס קְלַאפְּט, דִי עֲבוֹדַת הַשֵּׁם פָּארְט אִים, דֶער דַאוֶוענֶען, דָאס לֶערְנֶען, עֶר קֶען אוֹיפְשְׁטֵיין פְּרִי, אַרֵיינְכַאפְּן אַסַאךְ מִצְווֹת, זָאגְן אַסַאךְ תְּהִלִּים, מַאכְן אַלֶע מִצְווֹת מִיט חִיּוּת אוּן חֵשֶׁק.

ווִידֶער אִיז דָא אַ מַצָּב פוּן 'שׁוֹב', וֶוען יֶעדֶע קְלֵיינֶע זַאךְ קוּמְט אָן זֵייעֶר שְׁוֶוער, קַאלְט אוּן פַארְלָאשְׁן אָן קֵיין טְרָאפּ וַוארֶעמְקֵייט. בַּיים לֶערְנֶען שְׁפִּירְט מֶען נִישְׁט קֵיין טַעַם, בַּיים דַאוֶוענֶען, טוּן מִצְווֹת, עֶס קוּמְט שַׁבָּת פִּילְט עֶר אַ שְׁוֶוערִיקַייט, עֶר שְׁפִּירְט נִישְׁט קֵיין טַעַם אִין אִידִישְׁקַייט. זָאגְט דֶער רֶבִּי אַז דָאס אִיז דֶער סוֹד פוּן אֱלוּל, זַיין בָּקִי אַלֶעמָאל, סַיי וֶוען סְ'גֵייט, 'רָצוֹא' עֶר לוֹיפְט פָארָאוֹיס אוּן סַיי וֶוען עֶס אִיז 'שׁוֹב' וָואס אִיז גְלַייךְ צוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס גֵייט אוֹיף צוּרִיק - עֶר גֵייט גָאר פַּאמֶעלִיךְ.

לָאמִיר זֶען אַ בְּרִיוועלע אִין הֵיילִיגְן סֵפֶר

עֲלִים לִתְרוּפָה וָואס ר' נָתָן שְׁרַייבְּט פַאר זַיין זוּן ר' יִצְחָק דָאנְעֶרְשְׁטָאג שׁוֹפְטִים, יָאר ת"ר גֶעשְׁרִיבְּן גֶעוָוארְן אִין הֵיילִיגְן שְׁטָאט אוּמַאן.

...דִי נְקוּדוֹת טוֹבוֹת זֶענֶען זֵייעֶר חָשׁוּב בַּיים




הערליכע סידי און ביכר פאר די טייערע קינדער וועלכע פארן קיין אומאן צום רבי'ן און פאר די גאנצע משפחה, וועט זיין צו באקומען בעז"ה אין אלע הפצה צענטערן

אויבֶּערְשְׁטְן, מַיִם רַבִּים - אַלֶע סָארְטְן וַואסֶערְן וָואס בּוּדְשֶׁעוֶועֶן אוּן פְּרוּבִּירְן צוּ פַּארְשְׁוֶועמֶען דֶעם מֶענְטְשׁ פוּנֶעם תַּכְלִית, לֹא יוּכְלוּ לְכַבּוֹת אֶת אַהֲבָה, מֶען קֶען נִישְׁט פַּארְלֶעשְׁן דָאס לִיבְּשַׁאפְט וָואס אַ אִיד הָאט צוּם בַּאשֶׁעפֶער, וּנְהָרוֹת לֹא יִשְׁטְפוּהָ, גְרוֹיסֶע טַייכְן קֶענֶען נִישְׁט פַּארְפְלֵייצְן אוּן אַוֶועקְכַאפְּן מַיינֶע נְקוּדוֹת טוֹבוֹת. בִּפְרָט אַז מִיטְן אוֹיבֶּערְשְׁטְנְס הִילְף זֶענֶען אַלֶע אוּנְזֶערֶע רְצוֹנוֹת אַוֶועק גֶעלֵייגְט אוּן פַּארְסְטֶעמְפְּלְט בַּיים גְרוֹיסְן צַדִּיק דֶער 'רֹאשׁ בֵּית', מִיטְן כֹּחַ פוּן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן הָאבּ אִיךְ נָאךְ אַ תִּקְוָה צוּ אַלֶעם גוּטְס אוֹיף אַלֶעמָאל.

נָאר אֵיין זַאךְ מַיין טֵייעֶרֶער זוּן. שְׁטַארְק זִיךְ זֵייעֶר, אוּן פְרֵיי זִיךְ מִיט דֶעם אַ גַאנְץ יָאר, אַז גֶעלוֹיבְּט גָאט, אִיךְ הָאבּ גוּטֶע רְצוֹנוֹת, נְקוּדוֹת טוֹבוֹת וָואס קֵיינֶער אוֹיף דֶער וֶועלְט קֶען עֶס נִישְׁט צוּנֶעמֶען. בִּפְרָט אִין דִי טֶעג פוּן אֱלוּל אוּן תִּשְׁרֵי זָאלְסְטוּ נָאךְ מֶער זִיךְ פְרֵייעֶן, מִיט אַ גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה.

דֶער רֶבִּי זָאגְט אִין תּוֹרָה ו' אוֹיפְן פָּסוּק, "אִם אֶסַּק שָׁמַיִם שָׁם אָתָּה וְאַצִּיעָה שְׁאוֹל הִנֶּךָּ" אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ גֵייט אַרוֹיף גָאר הוֹיךְ אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם דַארְף עֶר וִויסְן אַז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער אִיז נָאךְ גָאר וַוייט פוּן אִים. 'שָׁם', אֲפִילוּ אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ אִיז אַרוֹיף אוֹיבְן אִין הִימְל, עֶר לוֹיפְט פָארְאוֹיס מִיט זַיינֶע גְרוֹיסֶע דַרְגוֹת, אִיז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער נָאךְ וַוייטֶער אוּן אַסַאךְ הֶעכֶער אוּן הֶעכֶער פוּן אִים, 'שָׁם אָתָּה. ווִידֶער אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ אִיז חָלִילָה אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין שְׁלֶעכְטֶע מְקוֹמוֹת 'וְאַצִּיעָה שְׁאוֹל', עֶר אִיז נֶעבֶּעךְ אִין טִיפְן גֵיהִנֹּם, דַארְף עֶר וִויסְן אַז 'הִנֶּךָּ', דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער אִיז מַמָּשׁ דָא נֶעבְן מִיר.

זָאל דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זִיךְ קֶענֶען גְרֵייטְן צוּם יוֹם טוֹב רֹאשׁ הַשָּׁנָה וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין אוּן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ שִׁבְתִּי בְּבֵית ה' כָּל יְמֵי חַיַּי, בְּבִיאַת גוֹאֵל צֶדֶק בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ אָמֵן



אלע קינדער בענקען און זענען מתפלל פאר'ן הייליגן רבי'נס קיבוץ ראש השנה אין אומאן, העלף זיי ארויס אנקומען צום ציל...



# אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל

## מִיט דִי שְׁטִיבְּער מִיט דִי הַייזֶער

אײנער פון די ספעציעלע און גרויסע עובדי ה' אין אומאן איז געווען הרה"ח ר' אברהם חזן זצ"ל וואס מען פלעגט אים רופן ר' אברהם בן ר' נחמן אויפן נאמען פון זיין גרויסער טאטע ר' נחמן טולטשינער ז"ל וואס איז געווען דער גרעסטער תלמיד פון ר' נתן.

ר' אברהם וועלכער איז אויפגעוואקסן אין אזא דערהויבענע שטוב, ווען פון קליינווייז אן באקומט ער דעם חינוך פון הייליגן רבי'ן, האט געהאט אסאך הייליגע הנהגות פון אלס קינד, ער פלעגט אסאך הארעווען אין לערנען און עבודת ה', אז זיין טאטע האט געזאגט אויף אים אז ער געהערט אין ארץ ישראל... זיין נשמה קען נישט ליידן חוץ לארץ...

לאנגע יארן פלעגט ער יעדע מוצאי שבת ארויסגיין פון שטוב מיט א זאק ספרים און א פעקל ברויט און פארוויילן זיינע טעג מחוץ לישוב, שטיל און באשיידן געדינט דעם באשעפער אן קיינער זאל וויסן וואס ער טוט. אויף שבת איז ער צוריק אהיים געקומען אין שטוב און מוצאי שבת ווידער ארויס אויף נאך א וואך התבודדות! אזוי האט ער זיך געפירט לאנגע יארן. איינע פון די מתנות וואס ר' אברהם האט זוכה געווען מיט די הייליגע הנהגה איז דער ספר ביאור הליקוטים מיט די "ח"י כללים" וואס זענען אכצן כללים ווי אזוי צו לערנען ליקוטי מוהר"ן בעיון, יעדער כלל איז אזוי ווי א שליסל צו עפענען נאך א טויער אין רבי'נס הייליגן ספר, ער האט זוכה געווען אונז צו איבערלאזן א געוואלדיגע ירושה מיר זאלן האבן עפעס א שטיקל השגה איז די גרויסקייט פון הייליגן ספר "ליקוטי מוהר"ן".

ר' אברהם ז"ל האט אסאך מעורר געווען די חסידים אין יענע צייט ארויפצוגיין קיין ארץ ישראל, ער אליין האט נאך אסאך בענקעניש און תפילות זוכה געווען זיך צו באזעצן אין דער הייליגער לאנד, ווען יעדער ערב ראש השנה מאכט דעם לאנגן וועג קיין אומאן און נאך ראש השנה האט ער ווייטער געבענקט נאך די הייליגקייט פון ארץ ישראל און האט געמאכט דעם לאנגן וועג צוריק. אין די צייטן ווען ער פלעגט אנקומען אויף ראש השנה פלעגט ער צוריקפארן דורך פוילן, און אסאך רעדן און אויפוועקן די ברסלב'ע חסידים, זיינע מקורבים זאלן זיך צו פאקן פעק, צאמנעמען די קינדער און ארויפגיין זיך באזעצן אין ארץ ישראל, ער האט געזאגט אז די לימודים פון רבי'ן האט א עקסטערע השפעה אין ארץ ישראל.



אבער אזוי ווי נישט אלע האבן אזוי געהאלטן, עס זענען געווען חשוב'ע חסידים וואס האבן געהאלטן אז ס'איז בעסער צו בלייבן אין אומאן נאנט צום ציון הקדוש פון רבין ז"ל האט זיך אויפגעוועקט א שטיקל וויכוח צווישן די חסידים, אין א געלעגנהייט ווען עס האט זיך געמאכט א גאנצע מחלוקת ארום די דיבורים פון ר' אברהם וועגן גיין וואוינען קיין ארץ ישראל, איז ר' אברהם אליין ארויף צום קבר פון ר' נתן ז"ל און אסאך געוויינט דארט און געבעטן מען זאל אים ווייזן פון הימל דעם אמת און געבן א קלארקייט צו

ער דארף ווייטער מעורר זיין וועגן דעם. האט ער דעמאלס זוכה געווען און מען האט אים מגלה געווען פון הימל דעם פסוק אין חומש בראשית: "ודור רביעי ישובו הנה..." (פרק טו טז) האט ער פון דעם באקומען א תשובה אז טאקע די פריערדיגע דורות האבן געדארפט זיין אין חוץ לארץ אבער דער יעצטיגן יונגן דור (וואס איז דעמאלס געווען דער פערדער דור פון רבי'ן) דארפן ארויפגיין קיין ארץ ישראל, דעריבער האט ער ווייטער ממשיך געווען צו מעורר זיין דעם עולם ווער עס וויל ראטעווען זיינע קינדער זאלן בלייבן אידן און אזוי אויך בגשמיות זיין פארמעגן, זאל שנעל זען א וועג ארויפצוגיין וואוינען אין די הייליגע לאנד.

די צייט דעמאלס איז געווען נאך פאר דעם ערשטן וועלט מלחמה, דער עולם איז זיך געזעצן רואיג און צופרידן, קיינער האט נישט געוואוסט וואס עס ווארט זיי ליידער אפ ברוחניות און בגשמיות, ברוחניות האט זיך דעמאלס אנגעהויבן דער קאמוניסטישער געדאנק רח"ל וואס האט אראפגעפירט טויזנטער אידן פון אידישקייט, אזוי אויך די השכלה, און די ציוניסטן א.א.וו און בגשמיות ווייסן מיר היינט וויפיל זענען ליידער אומגעקומען אין די ערשטע און צווייטע וועלט'ס מלחמות, אבער יענע צייט האט קיינער נישט פארשטאנען פארוואס ר' אברהם שרייט אזוי און דערוועקט דעם עולם וועגן ארץ ישראל, ער איז געווען אזוי באשיידן און פשוט אין זיין עבודה אז מען האט נישט פארשטאנען זיין גרויסקייט און זיין הייליגן ווייטן קוק, ער האט געזען פון פריער וואס גייט באלד זיין.

בעיקר פלעגט ער מעורר זיין די אייניקלעך פון ר' נתן ז"ל וועלכע זענען געווען גרויסע עובדי ה' און די גרויסע נגידים פון טשערין. פאר די אייניקלעך פון ר' נתן פלעגט ער זיך ממש בעטן זיי זאלן רחמנות האבן אויף זיך אליין און זייערע דורות און שנעל ארויפגיין קיין ארץ ישראל, זיי האבן אבער געהאלטן אז ס'איז בעסער צו בלייבן אין חוץ לארץ כדי צו קענען פארן ראש השנה צום רבי'ן קיין אומאן, ר' אברהם פלעגט זיי ווייזן אויף זיך אליין אז ער קומט צו פארן יעדעס יאר מיט מסירות נפש פון ארץ ישראל, אזוי אז דער פארן קיין אומאן פרעגט נישט אפ דעם רבינ'ס ראש השנה.

אין איינע פון די יארן ווען ר' אברהם איז אנגעקומען פון ארץ ישראל אויף ראש השנה האט ער געטראפן א יונגן בחור'ל א אייניקל פון ר' נתן אין די שטאט אודעסע, ער זיך אינטערעסירט וואס ער טוט דא אין די גרויסער פארט שטאט, האט יענער געענטפערט אז ער לערנט, האט ער אים געפרעגט ביי וועמען?

האט ער געענטפערט: ביי קלוינער! א באוואוסטער משכיל און א גרויסער אפיקורוס שר"י, אוי ווי! ר' אברהם איז שרעקליך צעשוידערט געווארן, וועגן דעם שרייט ער דאך און איז מעורר אן א שיעור, באלד ווען האט געטראפן דער טאטע פונעם בחור האט ער זיך איינגעבעטן ביי אים, "האב רחמנות אויף דיר און דיינע קינדער גיי וואוינען קיין ארץ ישראל," האט ער אים געענטפערט אז ער וויל בעסער זיינע קינדער זאלן קומען נעמען א חלק אין דעם קיבוץ ראש השנה, האט אים ר' אברהם געזאגט "זאלן שונאי ציון אזוי לעבן אויב אייערע אייניקלעך וועלן פארן אויף ראש

השנה קיין אומאן"…. ווייל ער האט געוואוסט און פארשטאנען אז צוליבי די קאמוניסטן וועלן אסאך אוועקפאלן פון אידישקייט, ליידער האט מען נישט אנגענומען זיינע הייליגע דיבורים, יענער בחור איז ליידער געווארן א גרויסער קאמוניסט און אפיקורס רח"ל וואס האט געארבעט קעגן אידישקייט.

אזוי אויך די נגידים פון טשערין וועלכע זענען געווען ריזיגע מיליאנערן, יעדער פון זיי האט פארמאגט נכסים און פארמעגן אזוי פיל אז זיי האבן געקענט אפקויפן אלע באדנ'ס פון ארץ ישראל! ר' אברהם פלעגט אסאך רעדן צו זיי זיי זאלן ארויפגיין מיט זייערע פארמעגנ'ס קיין ארץ ישראל אנגרייטן דארט א שיינעם ישוב פאר אלע אידן וואס וועלן ארויפקומען, אזוי אויך וועט דארט זייער פארמעגן האבן א בעסערע שמירה, אונן דער עיקר זייערע קינדער וועלן בלייבן ערליכע אידן, און אזוי' ארום וועלן אויך די ציונים נישט קענען נעמען פאר זיך די שטחים נאכדעם וואס די חסידים וועלן דאס פריער אויסקויפן!! ער פלעגט זיי זאגן קוקט אויף מיר אז איך בין א בלוטיגער ארעמאן און מיט-דעם-אלעם לעב איך א שיינעם לעבן אין ארץ ישראל, ענק מיט אייער גרויסן פארמעגן וועט איר זיכער זיך שיין מסדר זיין דארט, אבער די גרויסע גבירים האבן נישט געוואלט, זיי האבן געהערט אז אין ארץ ישראל ליידט מען ארעמקייט און מלחמות און זיי האבן מורא געהאט אויף זייער געלט, כאטש ר' אברהם האט זיי אנגעזאגט מיט א שטרענגע לשון "אויב וועלן זיי נישט ארויפגיין אין ארץ ישראל וועט פון זיי און זייער פארמעגן בלייבן גארנישט!" מיט דעם אלעס האבן זיי מורא געהאט צו איינשטעלן.

אין א קורצע צייט, א ביסל פאר די ערשטע וועלט קריג האבן די קאמוניסטן אונטערגעווארפן דעם צאר ניקולאי און ווען אלע אידן זענען געווען פרייליך און געטאנצט פון שמחה אין די גאסן אויף די מפלה פון דער קייסער דער רשע איז ר' אברהם געווען שטארק באזארגט פון שרעקליכע קאמוניסטישע קליפה וואס גייט נעבעך אוועקנעמען אזוי פיל אידישע נשמות פון באשעפער, די קאמוניסטן האבן די מערסטע גע'רודפ'ט די עשירים א טייל פון זיי האבן זיי אויסגע'הרג'עט און א טייל איז



געלונגען צו אנטלויפן אבער די געלט און דאס גאנצער פארמעגן האבן זיי צוגענומען, די אלע טשערינער גבירים זענען געווארן ארעם איבער נאכט! ר' אברהם האט אמאל געזאגט וועגן זיי אז ער האט געזען ווי זיי פירן זיך אזוי ווי די מענטשן פון די מדינה פון עשירות וואס דער רבי ז"ל דערציילט אין מעשה פון דער בעל תפילה דעריבער, האט ער אויסגעפירט, 'איז געקומען דער גיבור….'

עס זענען געווען איינציגע תלמידים פון ר' אברהם וואס האבן יא אנגענומען וואס ער האט געזאגט, זיי האבן געפאלגט און ארויפגעקומען זיך באזעצן אין ארץ ישראל, אזוי ווי ר' שמואל מאיר אנשין ז"ל ר' יעקב פילמער ז"ל ר' גדליה בערגער ז"ל און נאך, ווער עס האט געפאלגט האט נישט אנגעווארן! יעדער איינער פון זיי האט זוכה געווען צו ערליכע דורות! קינדער וואס גייען בדרך התורה ביזן היינטיגן טאג.



# אונטערוועגס #9
## ביי רבי נתנ'ס נסיעות

*אין קורצן פון פריער:*
*רבי נתן ווערט ערצויגן מיט התנגדות קעגן תלמידי בעל שם טוב אבער אין נעמירוב ווערט ער צוביסליך אנגעווארעמט פון זיינע חברים צו חסידות.*

ליינט ווייטער:

## רבי נתן פארט צו תלמידי בעל שם טוב

רבי נתן האט אנגעהויבן איינצוזען אז די חסידים זענען טאקע נישט אזוי געפערליך ווי מען מיינט, נאר פונקט פארקערט, זיי זענען זייער ערליכע אידן וועלכע שטייען פול העכער ווי אנדערע מיט זייער עבודת השם און ער איז געקומען צו די החלטה אז עס לוינט צו פרובירן, אפשר פארט וועט ער אויך זוכה זיין אנצוקומען צו העכערע מדריגות אין תורה און תפילה.

אזוי האט רבי נתן אנגעהויבן צו באזוכן און זיך ווייקן ביי די תלמידים פון הייליגן מעזריטשער מגיד וועלכע האבן געוואוינט אין אוקריינע אין זיין אומגעגנט.

צווישן די צדיקים און קדושים וועלכע זענען באקאנט אז רבי נתן איז געפארן צו זיי, זענען ווי פאלגנד:

הרה"ק רבי גדלי' פון ליניץ זצ"ל וועלכער איז געווען א תלמיד און ממשיך דרכו פון הרה"ק רבי ארי' לייב פון פולנאה וואס ער איז באוואוסט געווען צו זיין פון די גרעסטע תלמידים פונעם הייליגן בעל שם טוב. הרה"ק רבי גדלי' איז געווען זייער אנגעזען צווישן די חסידים צוליב דעם וואס ער איז געווען פון די עלצטע צדיקים אין זיין דור, און ער האט נאך זוכה געווען צו פארן צום בעל שם טוב.

הרה"ק רבי זושא זצ"ל פון האניפאלי, וועלכער איז שוין דאן געווען א זקן מופלג. רבי זושא האט זיך גערעכנט צווישן די תלמידים פון הייליגן מעזריטשער מגיד וועלכער איז געווען דער ממשיך דרכו פון הייליגן בעל שם טוב.

הרה"ק רבי ברוכ'ל זצ"ל פון מעזריטש, אן אייניקל פון בעל שם טוב און האט נאך זוכה געווען צו זען דעם הייליגן זיידן. רבי ברוכ'ל האט זיך גערעכנט אלס תלמיד פון רבי פנחס'ל קאריצער – תלמיד פון בעל שם טוב.

הרה"ק רבי שלום שכנא זצ"ל פון פראביטש, א זון פון הרה"ק רבי אברהם המלאך זצ"ל – זון פון מעזריטשער מגיד. רבי שלום שכנא איז פריצייטיג פאר'יתומ'ט געווארן און איז אויפגעצויגן געווארן ביי הרה"ק רבי שלמה קארלינער זצ"ל, פון די גרויסע תלמידים פון

מעזריטשער מגיד.

הרה״ק רבי אברהם דוב חמעלניק זצ״ל איידעם ביי הרה״ק רבי יעקב יוסף דער פולנאה׳ער רב (בעל ה׳תולדות יעקב יוסף׳). דער רבי האט זיך (איידער די התקרבות פון רבי נתן) משדך געווען מיט חמעלניק׳ער רב ביים טאכטער אדל׳ע וואס איר מאן רבי יעקב יוסף (איידעם פון רבי׳ן) איז געווען א זון פון חמעלניק׳ער רב.

הרה״ק רבי מרדכי פון קרעמניץ, א זון פון הרה״ק רבי מיכל׳ע זלאטשוב׳ער.

הרה״ק רבי לוי יצחק בארדיטשוב׳ער זצ״ל, פון די גרויסע תלמידים פון מעזריטשער מגיד.

די אלע צדיקים וועמען רבי נתן האט באזוכט, האבן אים זייער מקרב געווען מיט אן אויסערגעווענליכע ליבשאפט זעענדיג פאר זיך א כלי המפואר; א גאון עולם און צדיק מיט געוואלדיגע כשרונות וועלכער ברענט צו טון דעם רצון השם און אים דינען בשלימות. אבער דאס מערסטע איז ער מקושר געווען צום בארדיטשוב׳ער רב וועלכער האט אים גערופן מיט ליבשאפט, ״מיין נתנ׳לע״.

דער בארדיטשוב׳ער רב האט אים געהאלטן פאר א גרויסער גאון. ווען אימער עס האט זיך געמאכט פארפלאנטערטע שאלות אינעם בית דין, פלעגט ער אים רופן צו דינען אלס דיין.

אזוי אויך האט רבי נתן געהאט א געוואלדיגע יראת הכבוד אויף צוריק. ער פלעגט מיט פארכט שילדערן די הייליגע עבודות פונעם באדיטשוב׳ער רב. זיין דאווענען איז געווען מיט אן אויסטערלישן ברען און מסירת נפש ממש, אז ער איז אנגעקומען צו קריאת שמע נאך די ברכה פון הבוחר בעמו ישראל באהבה, האט זיך זיין הייליגע צורה געביטן און עס האבן זיך אנגעזען אויף אים סמנים וואס מען דערקענט ביי א גוסס וועלכער האלט שוין בי יציאת נשמה.

רבי נתן פלעגט פארשרייבן ביי זיך די תורות וואס ער האט געהערט פונעם בארדיטשוב׳ער רב וואס א חלק דערפון איז שפעטער צוגעשטעלט געווארן צום ספר קדושות לוי.

אמאל ביי א געלעגנהייט, ווען רבי נתן איז שוין געווען א חסיד פון רבי׳ן, האט רבי לוי יצחק בארדוטשוב׳ער זיך אויסגעדרוקט: ״רבי נחמנ׳ס תלמידים זענען אלע גרויסע לומדים, יראים, שלמים און אנשי מעשה, און רבי נתן איז א צדיק.״

## רבי נתן אלס חסיד

די אלע הייליגע עבודות וואס רבי נתן האט צוגעזען ביי די צדיקים זענען אים געשטאנען פאר די אויגן און גאנץ שנעל האט מען אנגעזען ביי אים שינוים. זיין דאווענען און לערנען איז באנייט געווארן מיט א פרישקייט און חיות שטייגנדיג מעלה למעלה אין תורה ויראת שמים. פון יעדע צדיק האט רבי נתן מקבל געווען א באזונדערע התעוררות אין עבודת השם וואס זיי אליין האבן מקבל געווען פון זייערע גרויסע רביים ביז צום הייליגן בעל שם טוב. אזוי איז אויסגעקומען אז רבי נתן איז אויסגעקאכט געווארן לויט דעם הייליגן דרך פון בעל שם טוב.

רבי נתן האט זיך אמאל אויסגעדרוקט: ״דער חילוק צווישן א חסיד און א מתנגד איז ווי דער חילוק צווישן א ווארימע קניש און א קאלטע; ביידע האבן אין זיך די זעלבע באשטאנדטיילן, דאך קומט נישט צו דער טעם פון א קאלטע קניש, צו דער געשמאק פון די ווארימע!״

טייערע קינדער, איר האט דא געליינט ווי רבי נתן האט ענדליך געפונען זיין דרך וואס באפרידיגט אים און העלפט אים זיין א בעסערע איד, אלע צדיקים זענען אים מחשיב און עס קען זיך דאכטן אז פאר רבי נתן וועט שוין יעצט גוט און וואויל

# סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מִשָּׁנִים קַדְמוֹנִיּוֹת




אִיז גֶעגַאנְגֶען דֶער 'מֶלֶךְ', אוּן הָאט גֶעשִׁיקְט 'אוֹקַאזְן' [בַּאפֶעלְן], נָאךְ אַלֶע 'יֶעדְנִירַאלְן' [גֶענֶערַאלְן], אוּן נָאךְ אַנְדֶערֶע 'שְׂרָרוֹת' [מִינִיסְטָארְן] – וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעהַאט 'טְשִׁינֶעס' (דְהַיְינוּ: שְׂרָרָה'שַׁאפְט [אַ 'שְׁטֶעלֶע']) אוּן 'אוֹרְדֶערְס' [בַּאזוּנְדֶערֶע שְׁטֶעלֶעס]!

זֶענֶען זֵיי אַלֶע גֶעקוּמֶען – הָאט עֶר זֵיי מַשְׁפִּיל גֶעוֶוען, אוּן הָאט בַּיי זֵיי אַוֶועקְגֶענוּמֶען זֵייעֶרֶע 'טְשִׁינֶעס' [שְׁטֶעלֶעס] – אֲפִילוּ דִי וָואס הָאבְּן גֶעהַאט 'טְשִׁינֶעס' נָאךְ פוּן זַיין 'עֶלְטֶער־זֵיידְן', וָואס זֵיי הָאבְּן נָאךְ בַּיי אִים פַארְדִינְט [גֶעדִינְט] – הָאט עֶר בַּיי זֵיי אַלֶע, אַוֶועקְגֶענוּמֶען [זֵייעֶרֶע שְׁטֶעלֶעס]!

אוּן 'קְלֵיינֶע־לַייט' – הָאט עֶר אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן, אוּן הָאט זֵיי גֶעמַאכְט [גֶעשְׁטֶעלְט] אוֹיף זֵייעֶר אָרְט (פוּן דִי 'גְרוֹיסֶע־לַייט')!

[ה] צְוִוישְׁן דִי 'שָׂרִים' וָואס דֶער 'מֶלֶךְ' הָאט אַרָאפְּגֶעוָוארְפְן – אִיז גֶעוֶוען דֶער 'אוֹנֵס' [אָנוּס] הַנַ"ל.

הָאט אִים דֶער 'מֶלֶךְ' גֶעפְרֶעגְט: "וָואס אִיז דַיין 'שְׂרָרָה'שַׁאפְט'" [אוּן דַיין 'שְׁטֶעלֶע']?! – הָאט עֶר אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: "מַיין 'שְׂרָרָה'שַׁאפְט' אִיז נָאר, אַז אִיךְ זָאל מֶעגְן זַיין אַ 'יְהוּדִי' בְּפַרְהֶסְיָא – פַאר דֶער 'טוֹבָה' וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעטָאן דַיין 'זֵיידְן'"!

הָאט דֶער 'מֶלֶךְ', בַּיי אִים דָאס אַוֶועקְגֶענוּמֶען [פוּן מֶעגְן זַיין אַ אִיד אוּן לֵייגְן טַלִית וּתְפִלִין בְּפַרְהֶסְיָא]! – אִיז עֶר וִוידֶער גֶעוָוארְן אַ 'אוֹנֵס' [אָנוּס]!

[א] אַמָאל הָאט זִיךְ דֶער 'מֶלֶךְ' גֶעלֵייגְט שְׁלָאפְן – הָאט עֶר גֶעזֶעהְן אִין 'חָלוֹם': "וִוי דֶער 'הִימְל' אִיז לוֹיטֶער"! – אוּן הָאט גֶעזֶעהְן: "אַלֶע 'צְוֶועלְף־מַזָּלוֹת'"!

(דְהַיְינוּ: דִי 'שְׁטֶערְן אִין הִימְל' זֶענֶען גֶעטֵיילְט אוֹיף 'צְוֶועלְף־חֲלָקִים', אַקֶעגְן 'צְוֶועלְף־חֳדָשִׁים'! – אֵיין חֵלֶק 'שְׁטֶערְן', אִיז אַזוֹי־וִוי אַ 'לֶעמֶעלֶע', דָאס אִיז דָאס 'מַזָּל פוּן נִיסָן'! – אוּן דָאס 'מַזָּל פוּן אִיָיר', וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן 'שׁוֹר', דְהַיְינוּ: אַ 'אָקְס'! – אוּן אַזוֹי אִיטְלֶעכֶער 'חוֹדֶשׁ', הָאט זַיין 'מַזָּל'!)

אוּן עֶר הָאט גֶעזֶעהְן: "אַז 'שׁוֹר־וָשֶׂה' (דְהַיְינוּ אַ 'אָקְס', אוּן אַ 'לֶעמֶעלֶע') וָואס סְ'פַארְהַאנְדְן צְוִוישְׁן דִי 'מַזָּלוֹת' – לַאכְן זֵיי אוֹיס אִים [אִים אוֹיס]"!

*

הָאט עֶר זִיךְ אוֹיפְגֶעכַאפְּט מִיט 'גְרוֹיס כַּעַס' – אוּן אִיז זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן גֶעוָוארְן!

הָאט עֶר גֶעהֵייסְן: "בְּרֶענְגֶען דֶעם 'סֵפֶר־הַזִכְרוֹנוֹת' (דְהַיְינוּ: דָאס 'סֵפֶר' וָואס דָארְט אִיז אַלְץ פַארְשְׁרִיבְּן)"! – הָאט עֶר גֶעזֶעהְן, אַז סְ'שְׁטֵייט דָארְט פַארְשְׁרִיבְּן: "אַז דוּרְךְ 'שׁוֹר־וָשֶׂה', וֶועט זַיין 'זֶרַע' פַארְשְׁנִיטְן וֶוערְן"!

אִיז אוֹיף אִים גֶעפַאלְן, 'זֵייעֶר־אַ־גְרוֹיסֶער פַּחַד'! – אוּן עֶר הָאט דָאס דֶערְצֵיילְט [פַאר] דֶער 'מַלְכָּה' – אִיז אוֹיף 'אִיר' אוּן אוֹיף דִי 'קִינְדֶער', אוֹיךְ גֶעפַאלְן אַ גְרוֹיסֶער 'פַּחַד'! – אוּן סְ'הָאט אִים זֵייעֶר גֶעקְלַאפֶּערְט דָאס 'הַארְץ'!

אוּן עֶר הָאט גֶערוּפְן אַלֶע 'פּוֹתְרֵי־חֲלוֹמוֹת' (דְהַיְינוּ: דִי וָואס קֶענֶען בַּאשֵׁיידְן [אַ] 'חָלוֹם')! – אוּן אִיטְלֶעכֶער הָאט זִיךְ [אַלֵיינְס] פּוֹתֵר גֶעוֶוען! – אוּן עֶס אִיז אִים אָבֶּער גָארְנִישְׁט אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען [זֵייעֶר שְׁטִימֶע] אִין דִי 'אוֹיעֶרְן'! – אוּן עֶס אִיז אוֹיף אִים גֶעפַאלְן זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער 'פַּחַד'!

[ב] אִיז גֶעקוּמֶען צוּ אִים אַ 'חָכָם', אוּן הָאט אִים גֶעזָאגְט: "בַּאֲשֶׁר [אַז] עֶר הָאט [אַ] 'קַבָּלָה' פוּן זַיין 'פָּאטֶער': בַּאֲשֶׁר [אַז] סְ'פַארְהַאנְדְן 'שְׁסָ"ה מִינֵי תַּהֲלוּכוֹת־הַשֶּׁמֶשׁ' (דְהַיְינוּ: דְרֵיי הוּנְדֶערְט מִיט פִינֶעף אוּן זֶעכְצִיג 'גֶענְג', הָאט דִי זוּן) – אוּן סְ'פַארְהַאנְדְן אֵיין אָרְט, וָואס אַלֶע דְרֵיי הוּנְדֶערְט אוּן פִינֶעף אוּן זֶעכְצִיג 'גֶענְג' פוּן דֶער זוּן, לַייכְטְן אוֹיף דֶעם אָרְט – אוּן דָארְט וַואקְסְט אַ 'אַייזֶערְנֶע־רוּט' [שְׁטֶעקְן] – אוּן וֶוער עֶס הָאט אַ 'פַּחַד', אַז [וֶוען] עֶר קוּמְט צוּ דֶער 'רוּט', וֶוערְט עֶר נִיצוֹל פוּן דֶעם 'פַּחַד'"!

(אוּן אַזוֹי [וִוי יֶעצְט דֶערְמַאנְט] – הָאט דֶער 'חָכָם' גֶעזָאגְט [צוּ] דֶעם 'מֶלֶךְ').

אִיז דָאס דֶעם 'מֶלֶךְ' וואוֹיל־גֶעפֶעלְן! – אוּן אִיז גֶעגַאנְגֶען מִיט זַיין 'וַוייבּ' אוּן 'קִינְדֶער' אוּן מִיט גָאר זַיין 'זֶרַע', צוּ דֶעם '[אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטְן] אָרְט'! – אוּן דֶער '[אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶער] חָכָם', אִיז אוֹיךְ מִיט זֵיי גֶעגַאנְגֶען!

אוּן אִינְמִיטְן וֶועג, שְׁטֵייט אַ 'מַלְאָךְ', [וָואס] דֶער '[דָאזִיגֶער] מַלְאָךְ' אִיז אַ 'מְמוּנֶה' [אוֹיפְזֶעהֶער] אוֹיף 'כַּעַס'! – וָוארְן דוּרְךְ 'כַּעַס', בַּאשַׁאפְט מֶען אַ 'מַלְאָךְ־הַמַּשְׁחִית'! (דְהַיְינוּ: אַ 'מַלְאָךְ' וָואס עֶר אִיז מַזִּיק אוּן פַארְדַארְבְּט)! – אוּן דֶער '[דָאזִיגֶער אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶער] מַלְאָךְ', אִיז אַ 'מְמוּנֶה' אִיבֶּער אַלֶע 'מַשְׁחִיתִים'!

אוּן [פוּן] דֶעם '[דָאזִיגְן] מַלְאָךְ', פְרֶעגְט מֶען דֶעם 'וֶועג'! – וָוארְן "סְ'פַארְהַאנְדְן אַ 'גוּטֶער־וֶועג' פַאר מֶענְטְשְׁן" (מִשְׁלֵי יד, יב; טז, כה)! – אוּן סְ'פַארְהַאנְדְן אַ 'וֶועג', וָואס עֶר אִיז פוּל מִיט 'לֵיים'! – אוּן סְ'פַארְהַאנְדְן אַ 'וֶועג', וָואס עֶר אִיז פוּל מִיט 'גְרִיבֶּער'! – אוּן אַזוֹי אִיז פַארְהַאנְדְן כַּמָּה 'וֶועגְן'!

אוּן סְ'פַארְהַאנְדְן אַ 'וֶועג', וָואס דָארְט אִיז פַארְהַאנְדְן אַ 'פֵייעֶר' – וָואס פִיר מַייל פוּן דֶעם '[דָאזִיגְן] פֵייעֶר', וֶוערְט מֶען פַארְבְּרֶענְט!

(הָאבְּן זֵיי גֶעפְּרֶעגְט דֶעם 'וֶועג' [פוּן] דֶעם [דָאזִיגְן] מַלְאָךְ' – הָאט עֶר זֵיי גֶעזָאגְט דֶעם [דָאזִיגְן] 'וֶועג' וָואס דָארְט אִיז דָאס 'פֵייעֶר')!

זֶענֶען זֵיי גֶעגַאנְגֶען! (דְהַיְינוּ: דֶער 'מֶלֶךְ' מִיט אַלֶע זַיין 'זֶרַע', מִיט דֶעם 'חָכָם').

אוּן דֶער 'חָכָם' הָאט אַלְץ גֶעקוּקְט פַאר זִיךְ אַלֶעמָאל: "אוֹיבּ סֶע [סְ'אִיז] דָארְט דָא דָאס 'פֵייעֶר'"?! – וָוארְן עֶר הָאט גֶעהַאט אַ 'קַבָּלָה' פוּן זַיין 'פָּאטֶער': "אַז סְ'אִיז דָארְט פַארְהַאנְדְן דָאס 'פֵייעֶר'".

דֶערְוַוייל [אִינְצְווִישְׁן וִוי זֵיי גֵייעֶן] הָאט עֶר דֶערְזֶעהְן דָאס 'פֵייעֶר' – אוּן הָאט גֶעזֶעהְן: "אַז סְ'אִיז דָארְט אוּמְגֶעגַאנְגֶען [אַרוּמְגֶעגַאנְגֶען] אִין דֶעם 'פֵייעֶר', 'מְלָכִים' אוּן 'יְהוּדִים', אָנְגֶעטָאן אִין 'טַלִּית אוּן תְּפִילִּין'"!

[אוּן דָאס אִיז גֶעוֶוען: צוּלִיבּ וַוייל בַּיי דִי 'דָאזִיגֶע מְלָכִים', זֶענֶען גֶעזֶעצְן 'יְהוּדִים' אִין זֵייעֶרֶע מְדִינוֹת – דֶערִיבֶּער הָאבְּן זֵיי גֶעקֶענְט גֵיין אִינֶעם 'פֵייעֶר'].

הָאט דֶער 'חָכָם' גֶעזָאגְט צוּם 'מֶלֶךְ': "אִיךְ הָאבּ אַ 'קַבָּלָה': אַז פִיר מַייל פוּן דֶעם 'פֵייעֶר', וֶוערְט מֶען פַארְבְּרֶענְט! – אִיבֶּער דֶעם [צוּלִיבּ דֶעם] ווִיל אִיךְ נִישְׁט גֵיין וַוייטֶער – דוּ, אַז דוּ ווִילְסְט, גֵיי"!

אוּן דֶער 'מֶלֶךְ' הָאט זִיךְ גֶעטְרַאכְט: "וַוייל עֶר הָאט גֶעזֶעהְן: אַז 'אַנְדֶערֶע מְלָכִים' גֵייעֶן דָארְט אוּם [אַרוּם] אִין דֶעם 'פֵייעֶר' – [דֶערִיבֶּער] וֶועט עֶר אוֹיךְ קֶענֶען גֵיין דָארְט"!

הָאט זִיךְ דֶער 'חָכָם' אָנְגֶערוּפְן: "אִיךְ הָאבּ אַ 'קַבָּלָה' פוּן מַיין 'טַאטְן' [וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט], אִיבֶּערְדֶעם ווִיל אִיךְ נִישְׁט גֵיין! – דוּ, אַז דוּ ווִילְסְט, גֵיי דִיר"!

אִיז דֶער 'מֶלֶךְ' גֶעגַאנְגֶען, מִיט גָאר זַיין 'זֶרַע' – הָאט זֵיי גֶעכַאפְּט [גֶעוֶועלְטִיגְט] דָאס 'פֵייעֶר', אוּן 'עֶר' אִיז פַארְבְּרֶענְט גֶעוָוארְן מִיט 'גָאר זַיין [גַאנְצְע] זֶרַע'! – אוּן זֵיי זֶענֶען אַלֶע אוֹיסְגֶערִיסְן גֶעוָוארְן!

[ג] וִוי דֶער 'חָכָם' אִיז גֶעקוּמֶען אַהֵיים – אִיז גֶעוֶוען אַ וואוּנְדֶער בַּיי דִי 'שָׂרִים': "וָואס [פַארְוָואס] דֶער 'מֶלֶךְ' אִיז פַארְשְׁנִיטְן גֶעוָוארְן מִיט זַיין 'זֶרַע'? –

עֶר הָאט דָאךְ זִיךְ גֶעהִיט פוּן אַ ׳שׁוֹר־וָשֶׂה׳? – פוּן וַואנֶען אִיז דָאס גֶעקוּמֶען, וָואס זַיין ׳זֶרַע׳ אִיז פַארְשְׁנִיטְן גֶעוָוארְן מִיט אִים”?!

הָאט זִיךְ דֶער ׳אוֹנֵס׳ [אָנוּס] אָנְגֶערוּפְן: ”דוּרְךְ מִיר אִיז עֶר פַארְשְׁנִיטְן גֶעוָוארְן”!

וָוארְן דִי ׳שְׁטֶערְנְזֶעהְער׳ הָאבְּן גֶעזֶעהְן: ”(אַז דוּרְךְ אַ ׳אָקְס׳ אוּן אַ ׳לֶעמֶעלֶע׳, וֶועט זַיין ׳זֶרַע׳ אוֹיסְגֶערִיסְן וֶוערְן)”! – אוּן [זֵיי] הָאבְּן נִישְׁט גֶעוואוּסְט וָואס זֵיי זֶעהְן – וָוארְן אַ ׳אָקְס׳, מַאכְט מֶען פוּן זַיין ׳פֶעל׳, ׳תְּפִילִין׳; אוּן אַ ׳לֶעמֶעלֶע׳, מַאכְט מֶען פוּן דֶער ׳וָואל׳ [זַיינֶע], ׳צִיצִית׳ צוּם ׳טַלִית׳ – אוּן דוּרְךְ זֵיי [׳תְּפִילִין׳ אוּן ׳צִיצִית׳] אִיז דֶער ׳מֶלֶךְ׳ אוֹיסְגֶערִיסְן גֶעוָוארְן מִיט זַיין ׳זֶרַע׳!

וָוארְן דִי ׳מְלָכִים׳, וָואס ׳יְהוּדִים׳ הָאבְּן אִין זֵייעֶר מְדִינָה יָא גֶעוואוֹינְט, וָואס זֵיי גֵייעֶן אָנְגֶעטָאן אִין ׳טַלִית אוּן תְּפִילִין׳ – אִיבֶּערְדֶעם הָאבְּן דִי ׳[דָאזִיגֶע] מְלָכִים׳, יָא גֶעקֶענְט גֵיין אִין דֶעם ׳פֵייעֶר׳, אוּן סְ׳הָאט זֵיי גָאר נִישְׁט גֶעשַׁאט!

אָבֶּער דֶער ׳[דָאזִיגֶער] מֶלֶךְ׳ [אִיז פַארְשְׁנִיטְן גֶעוָוארְן] – וַוייל [ווִיבַּאלְד] קַיין ׳יְהוּדִים׳ וָואס גֵייעֶן אִין ׳טַלִית אוּן תְּפִילִין׳, הָאבְּן נִישְׁט גֶעטָארְט זִיצְן אִין זַיין ׳מְדִינָה׳ – אִיבֶּערְדֶעם אִיז עֶר אוֹיסְגֶערִיסְן גֶעוָוארְן מִיט זַיין ׳זֶרַע׳!

אוּן דָאס הָאבְּן דִי ׳שׁוֹר־וָשֶׂה׳ פוּן דִי ׳מַזָלוֹת׳, גֶעלַאכְט אוֹיס [פוּן] אִים [אִים אוֹיסְגֶעלַאכְט] – וָוארְן דִי ׳שְׁטֶערְנְזֶעהְער׳ הָאבְּן גֶעזֶעהְן: ”אַז דוּרְךְ ׳שׁוֹר־וָשֶׂה׳, וֶועט זַיין ׳זֶרַע׳ פַארְשְׁנִיטְן וֶוערְן”! – זֵיי הָאבְּן אָבֶּער נִישְׁט גֶעוואוּסְט וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעזֶעהְן! – אִיז דֶער ׳מֶלֶךְ׳ פַארְשְׁנִיטְן גֶעוָוארְן מִיט זַיין ׳זֶרַע׳, אָמֵן, כֵּן יֹאבְדוּ כָל אוֹיְבֶיךָ ה׳”![א]

”לָמָּה רָגְשׁוּ גוֹיִם” [פָּסוּק א]. ”פַארְוָואס רוֹישְׁן דִי פֶעלְקֶער (קֶעגְן מָשִׁיחַ)]”!

[ב] ”תְּרֹעֵם בְּשֵׁבֶט בַּרְזֶל” (פָּסוּק ט). ”צוּבְּרֶעךְ דַיינֶע פַיינְט מִיט אַ ׳אַייזֶערְנֶע־רוּט׳”!

[דָא אִיז מְרוּמָז]: דִי ׳אַייזֶערְנֶע־רוּט׳! [וָואס אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט, פֶּרֶק ג אוֹת ב].

[ג] ”פֶּן יֶאֱנַף, וְתֹאבְדוּ דֶרֶךְ; כִּי יִבְעַר” וְכוּ׳ (פָּסוּק יב). ”טָאמֶער וֶועט הַשֵּׁם־יִתְבָּרַךְ צֶערֶענֶען, אוּן אִיר וֶועט פַארְלִירְן דֶעם ׳וֶועג׳ (זִיךְ צוּ רַאטֶעוֶוען); וֶוען עֶס וֶועט אַבִּיסְל בְּרֶענֶען זַיין ׳צָארְן׳”!

המשך פון זייט 12

# אִיךְ פְּרֵיי זִיךְ מִיטְן טַלִית וּתְפִילִין

רוּפְט עֶס. (אוֹצַר הַיִּרְאָה צִיצִית בָּתְרָא) אוּן דֶערְפַאר הָאט דִי גְרוֹיסֶע פַייעֶר נִישְׁט גֶעשַׁאדְט פַאר דִי קֶענִיגְן וָואס אִין זֵייעֶר זְכוּת זֶענֶען אִידְן גֶעגַאנְגֶען מִיט טַלִית וּתְפִילִין”.

”וֶוען מִיר פְרֵייעֶן זִיךְ מִיט דִי מִצְוֹות, אוּן מִיר זֶענֶען עֶס מְקַיֵּים מִיט אַ שְׁטַארְקֶע רָצוֹן אוּן חֵשֶׁק, וַוייזְט מֶען דֶערְמִיט אַז מִיר טוּעֶן עֶס נִישְׁט גֶעצְוְוינְגֶענֶערְהֵייט, אוּן מִיר וִוילְן אוּן גְלוּסְטְן צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף יֶעדְן מַצָּב אוּן אוֹפָן, אוּן זִיךְ מִתְגַּבֵּר זַיין מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת, אוּן מִיר וִוילְן בְּלוֹיז מְקַיֵּים זַיין אַלֶע מִצְוֹות פוּן דִי תּוֹרָה. דָאס אִיז וָואס מִיר רוּפְן אוֹיס”.

”רִיכְטִיג אִיתְּמָר. אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען פִיל עֶרְלִיכֶע אִידְן ווִי זֵיי זֶענֶען אָנְגֶעטוּן מִיט טַלִית וּתְפִילִין מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם אוֹיךְ בַּיים לֶערְנֶען נָאכְן דַאוְוענֶען, אוּן דֶערְמִיט וַוייזְן זֵיי אַרוֹיס זֵייעֶר לִיבְּשַׁאפְט צוּ דִי הֵיילִיגֶע טַלִית וּתְפִילִין, אוּן זֵייעֶר פְרֵייד דֶערְמִיט”.

:pe ____________

# לאמיר זיך פארהערן



## די פערטע מעשה – דער מלך שגזר שמד (2)

**א. וואס האט דער מלך געזען אין חלום?**
- ❑ אז א אקס און א קו לאכן פון אים
- ❑ אז זיינע שרים לאכן פון אים
- ❑ אז א אקס און א לעמעלע פון די מזלות לאכן אים אויס

**ב. מיט וועמען איז דער מלך אהין געגאנגען?**
- ❑ אליין
- ❑ מיט זיין ווייב און קינדער
- ❑ מיט זיין ווייב און קינדער און אויך דער חכם

**ג. אויף וואס איז ממונה דער מלאך וואס שטייט אינמיטן וועג?**
- ❑ אויף כעס
- ❑ אויף גאווה
- ❑ אויף שקר

**ד. וועלכער וועג האט זיי דער מלאך געהייסן גיין ?**
- ❑ אין דער וועג פון ליים
- ❑ אין דער וועג וואס איז פול מיט גרובער
- ❑ אין דער וועג פון דעם פייער

**ה. וועמען האבן זיי דארטן געזען גיין?**
- ❑ מלכים און אידן אנגעטון טלית און תפילין
- ❑ מלכים און שרים
- ❑ מלכים מיט אידן אנוסים

**ו. ווער איז פארברענט געווארן?**
- ❑ דער מלך מיט דער חכם
- ❑ נאר דער מלך
- ❑ דער מלך מיט זיינע קינדער

**ז. וואס האט באמת געמיינט די אקס און לעמעלע?**
- ❑ ער זאל הרג'ענען אלע אקסן און לעמעלעך
- ❑ ער זאל פארטרייבן אלע אקסן און לעמעלעך
- ❑ אז וויל ער לאזט נישט אנטון טלית און תפלין וואס מען מאכט פון א אקס און א לעמעלע וועט ער פארשניטן ווערן

**ח. אין וועלכער קאפיטל איז מרומז די מעשה?**
- ❑ קאפיטל ב' פון תהלים
- ❑ קאפיטל ג' פון ישעי'
- ❑ קאפיטל נ' פון תהילים

**ט.** האסטו געלערנט די מעשה פון די וואך?
- ❑ איינמאל
- ❑ צווייmאל
- ❑ איך האב געוואלט



## טיפער געטראכט

וואספארא לשון פון די מעשה, טרעפט מיר אויך אין חומש בראשית?
וועלכע מידה טרעפן מיר אין די מעשה אז מען זאל זיך זייער דערווייטערן דערפון?
וואו געפינען מיר אין תהילים "ציצית" און "תפילין" ?

**תשובות אויף די פריערדיגע וואך**

וויפיל קעניגן זענען דא אין אונזער מעשה פון די וואך? **4 קעניגן**

און ווער פון זיי האט געפידעט די מדינה מיט גוטן? **דער דריטער קעניג**

**געווינער אויף די בחינות פון 'מלך שגזר שמד #1' איז הילד הח' מרדכי'לע ברוין, בית שמש כתה ג'**
**די מתנה קען מען באקומען ביים משגיח אין חדר ברסלב ר' יואל יאראוויטש הי"ו**

**צו ענטפערן די בחינות און ארייגיין אינעם גורל, 02-5-3333-72 646-585-3040**

# אִיךְ פְרֵיי זִיךְ מִיטְן טַלִית וּתְפִילִין

מִיר הָאבְּן גֶעהֶערְט אִיבֶּער דֶער אִידִישֶׁער שַׂר וָואס דֶער קֶענִיג הָאט פְּרוּבִּירְט צוּ דֶערְנִידֶערְן אִינְאֵיינֶעם מִיט אַלֶע שָׂרִים, וֶוען דֶער קֶענִיג הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט וֶועלְכֶע שְׂרָרוֹת אוּן פָּאזִיצְיֶע אִים צוּ גֶעבְּן, אוּן עֶר הָאט פַארְלַאנְגְט מִיט שְׁטָאלְץ: "צוּ מֶעגְן זַיין אַ אִיד בְּפַרְהֶסְיָא". אוּן דֶער קֶענִיג הָאט אִים דֶערְנִידֶערְט צוּלִיבּ דֶעם.

סוֹף פוּן דִי מַעֲשֶׂה זֶעט מֶען וִוידֶער, וִוי דֶער קֶענִיג אִיז גֶעגַאנְגֶען אוֹיפְן וֶועג, אוּן דֶער חָכָם וָואס הָאט אִים בַּאגְלֵייט הָאט גֶעזֶען אַז עֶס אִיז דָא אַ וֶועג וָואס אִיז פוּל מִיט בְּלָאטֶע אוּן אַ וֶועג וָואס אִיז פוּל מִיט לֶעכֶער אוּן גְרוּבֶּער, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ אַנְדֶערֶע וֶועגְן, אוּן עֶס אִיז דָא אַ וֶועג וואוּ עֶס אִיז דָא 'פַייעֶר'. אוּן נִישְׁט מֶער אוּן נִישְׁט וֵוייניגֶער, אִינֶעם פַייעֶר זֶענֶען קֶענִיגְן אוּן אִידְן אַרוּמְגֶעגַאנְגֶען מִיט טַלִית אוּן תְּפִלִין. הָאט דֶער קֶענִיג גֶעטְרַאכְט צוּ זִיךְ: "אוֹיבּ קֶענִיגְן גֵייעֶן דָארְטְן אַרִיבֶּער, קֶען אִיךְ זִיכֶער אַרִיבֶּערְגֵיין אוֹיף דֶעם וֶועג". אִיז דֶער קֶענִיג גֶעגַאנְגֶען מִיט זַיינֶע קִינְדֶער, אוּן דָאס פַייעֶר הָאט גֶעוֶועלְטִיגְט אוֹיף אִים אוּן אִים פַארְבְּרֶענְט.

דֶערְנָאךְ, הָאט זֵיי דֶער אוֹנֵס עֶרְקְלֶערְט, אַז דִי הַצְלָחָה פוּן דִי קֶענִיגְן אַרִיבֶּערְצוּגֵיין אוֹיף דֶעם וֶועג, אִיז גֶעוֶוען אִין זְכוּת פוּן דֶעם וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעלָאזְט דִי אִידְן גֵיין מִיט זֵייעֶר טַלִית וּתְפִילִין בְּפַרְהֶסְיָא. אָבֶּער דֶער קֶענִיג וָואס הָאט עֶס נִישְׁט עֶרְלוֹיבְּט, אִיז פַארְשְׁנִיטְן גֶעוָוארְן אִינְאֵיינֶעם מִיט זַיינֶע קִינְדֶער.

זִיצְט זִיךְ אַ אִיד אִין אַ טוּנְקֶעלֶע קֶעלֶער, אוּן זַיין חַבֶר אִין אַ פִינְסְטֶערֶע הֵייל, עֶר בַּאקְרוֹינְט זִיךְ מִיטְן טַלִית אוּן לֵייגְט דִי הֵיילִיגֶע תְּפִלִין אוֹיפְן קָאפּ, מִיט אַ דֶערְהוֹיבֶּענֶע צִיטֶער דְרֵייט עֶר אַרוּם דִי רְצוּעוֹת אוֹיף זַיין הַאנְט, עֶר קוּשְׁט זֵיי, עֶר הֵיילִיגְט זִיךְ מִיט זֵיי אוּן פְרַיידְט זִיךְ מִיט זֵיי. "אַה! וָואס פַאר אַ זְכוּת צוּ אָנְטוּן אוּן זַיין אַרוּמְגֶענוּמֶען מִיט מִצְוֹות, מִיט דִי תְּפִלִין שֶׁל רֹאשׁ אוּן שֶׁל יָד" זַיין רָצוֹן שְׁרֵייט אַרוֹיס פוּן הַארְצְן טִיפְן: "טַאטֶע זִיסֶער, וֶוען וֶועל אִיךְ שׁוֹין זוֹכֶה זַיין אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּן דֶעם פִינְסְטֶערְן אָרְט, אוּן זִיךְ בַּאשַׁיינֶען אוּן נִתְלַהֵב וֶוערְן פוּן דִי צִיצִית אוּן תְּפִלִין אָפֶענֶערְהֵייט, אָן קַיין בּוּשָׁה אוּן פַּחַד, אוּן קַיין צִיטֶער אוּן זָארְג".



"דוּ וֵוייסְט?" זָאגְט אִיתָמָר פַאר גַבְרִיאֵל אוֹיפְן וֶועג אַהֵיים פוּן פוּן מְכִינָה לַיְשִׁיבָה "אִיךְ וַוארְט שׁוֹין אַזוֹי שְׁטַארְק אוֹיפְן טָאג פוּן מַיין בַּר מִצְוָה, אִיךְ וִויל שׁוֹין קֶענֶען לֵייגְן דִי הֵיילִיגֶע תְּפִלִין אוּן זַיין אַ גָדוֹל. אִיךְ בִּין שׁוֹין זוֹכֶה צוּ גֵיין מִיט צִיצִית, אָבֶּער אִין דֶער טָאג פוּן מַיין בַּר מִצְוָה וֶועל אִיךְ שׁוֹין גֵיין מִיט אַ טַלִית קָטָן מִיט שְׁוַוארְצֶע שְׁטְרַייפְן מִיט גְרוֹיס הִדוּר. רִיכְטִיג, אִיךְ פְרַיי זִיךְ אוֹיךְ פוּן דֶער גַאנְצֶער מַצָּב פוּן דֶער בַּר מִצְוָה, אָבֶּער צוּם סוֹף בְּלַייבְּט מִיר דִי דָאזִיגֶע מִצְוֹות וָואס אִיךְ גֵיי אָנְטוּן אוּן לֵייגְן מַיין גַאנְץ לֶעבְּן מִיט שִׂמְחָה אוּן נָאנְטְשַׁאפְט צוּם בַּאשֶׁעפֶער".

גַבְרִיאֵל: "דוּ בִּיסְט זֵייעֶר גֶערֶעכְט. אִיךְ הָאבּ אַמָאל גֶעהֶערְט פוּן דֶער רֹאשׁ הַחֲבוּרָה, אַז מִיט צִיצִית אוּן תְּפִלִין דֶערְקֶענְט זִיךְ דִי עִיקָר קַבָּלַת עוֹל מַלְכוּת שָׁמַיִם פוּן אַ אִיד - דֶער 'אִישׁ הַיִשְׂרְאֵלִי' וִוי דֶער רֶבִּי

המשך אויף זייט 10

חלק מהוצאת הגליון נתנדב ע"י
הר"ר **יואל צציק** הי"ו
לרגל הולדת הבת למזל טוב